**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פון 43NORTH'ס ניינטע סטאַרט-אַפּ פארמעסט

***באפעלאו-באזירטע 'עקסעלערעיטאר' הויבט אן זוכעריי נאך פינף פירמעס צו באקומען 1 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונגען***

***אפליקאציעס קענען אריינגעגעבן ווערן [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אפליקאציעס ווערן יעצט אנגענומען פאר די ניינטע יאר פון 43North, די סטעיט-פינאנצירטע 'עקסעלערעיטאר' – א פלאץ וואס העלפט נייע ביזנעסער אין זייערע פריע שטאפלען – וואס אינוועסטירט 5 מיליאן דאלאר יערליך צו צוציהען ביזנעסלייט פון די העכסטע קאליבער צו העלפן זייערע סטאַרט-אַפּס וואקסן אין באפעלאו. היי יאר וועט 43North אויסוועהלן פינף סטאַרט-אַפּס וועלכע זענען אין די פריע שטאפלען צו באקומען אן אינוועסטירונג פון 1 מיליאן דאלאר יעדע איינע און זיך אנשליסן אין זייער ברייטע 'עקסעלערעיטאר' פראגראם.

"באפעלאו איז געווארן א צענטער פון טעכנאלאגיע און ערפינדונגען א דאנק אזעלכע פראגראמען ווי 43North'ס סטאַרט-אַפּ פארמעסט און די אינוועסטירונגען וואס ניו יארק מאכט צו שטיצן עקאנאמישע וואוקס און דזשאב שאפונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "זינט זי איז געעפנט געווארן האט 43North געהאלפן אויפלעבן די קאמיוניטי, און עס האט געמוטיגט די קומענדיגע דור פון ביזנעסלייט און ערפינדער צו בויען און זיך באטייליגן אין באפעלאו'ס וואוקס. איך אפלאדיר 43North'ס אנגייענדע ארבעט, און אונזער מעסעדזש איז קלאר און דייטליך פאר ביזנעסלייט ארום די וועלט: ניו יארק סטעיט איז די היים פאר די דזשאבס פון די צוקונפט."

**באפעלאו מעיאר בייראן בראון האט געזאגט,** "די טראנספארמאטיווע עקאנאמישע הצלחה וואס ווערט געאפפערט דורך 43North הייבט אונטער אונזערע קאמיוניטיס מיט שעפערישע וועגן צו שאפן דזשאבס און פארגעשריטענע ביזנעסער און מיטן אריינציהען פארשידנארטיגע טאלאנטפולע מענטשן צו אונזער ראיאן. איך קוק ארויס צו שטיצן די היי-יאריגע אפליקאנטן, און איך באדאנק 43North פארן שטיצן אן עקאנאמישע אויפשטייג אין מערב ניו יארק."

אום דאנערשטאג, אקטאבער 12, 2023, וועט 43North אפהאלטן א לעבעדיגע צוזאמקום ביי די Shea's Performing Arts Center אין באפעלאו וואו צעהן ביזנעסער מיט די בעסטע אפליקאציעס וועלן פארגעשטעלט ווערן פאר א פאנעל פון ריכטער וועלכע וועלן אויסוועהלן און אנאנסירן די פינף געווינער אויפן ארט. די סטאַרט-אַפּס וועלכע וועלן אויסגעוועהלט ווערן זיך צו אנשליסן אין 43North'ס גרופע פון 2024 וועלן באקומען יעדע איינע אן 1 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג, און אזוי אויך פלאץ פאר אפיסעס, הדרכה און שטיצע פון 43North. זיי וועלן אויך האבן צוטריט צו 43North'ס נעטווארק פון איבער 1,000 אינוועסטירער אין צפון אמעריקע. פירמעס וועלן אויך האבן א געלעגנהייט זיך צו

איינשרייבן אין דעם START-UP NY פראגראם און אין 43North'ס הדרכה און שטיצע פראגראם וואס רעכנט אריין:

- פערזענליכע הדרכה און ווארקשאַפּס
- צוטריט צו סערוויסעס וועלכע העלפן ארויס פירמעס צו טרעפן ארבייטער צו פארגרעסערן זייערע מאנשאפטן אין באפעלאו
- לאקאלע און נאציאנאלע קשרים פאר ביזנעס אנטוויקלונג
- מארקעטינג און פרעסע באציאונגען שטיצע
- באקענען מיט אינוועסטירער

אויסגעוועהלטע פירמעס זענען מסכים צו אוועקגעבן א 5% עקוויטי חלק פון די פירמע צו 43North און צו האלטן זייער CEO און צום וויניגסטנס האלב פון זייערע איינגעשטעלטע אין באפעלאו פאר צום וויניגסטנס איין יאר. זעהט די פולע טערמינען און באדינגונגען [דא](#).

**43North פרעזידענט, קאלין ע. היידינגער, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו אנהויבן די נייַנטע יאר פון 43North'ס פארמעסט. פאר קרוב צו צען יאר איז אונזער מיסיע געווען צו נערן א לעבהאפטיגע סביבה אין באפעלאו וואו ביזנעסלייט קענען בליהען. מיר קענען נישט ווארטן צו ארויפבויען אויף די אוועקגעשטעלטע פאזיטיווע שוואונג און פארזעצן צו שאפן געלעגנהייטן פאר ביזנעסלייט דא אין אונזער 'קעניגן שטאט'."

געגרונדעט אין 2014, איז 43North א מוסטערהאפטיגע איניציאטיוו וואס ווייזט ארויס ניו יארק סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט און אינוועסטירונג סטראטעגיע צו פארגרעסערן באפעלאו'ס ערפינדונג און ביזנעס פעלד. אין לויף פון די פארגאנגענע ניין יאר האט 43North אינוועסטירט אין א פארשידנארטיגע ליסטע פון איבער 64 פירמעס, 46% פון וועלכע האבן גרינדער וועלכע קומען פון מינאריטעטן און 26% פון וועלכע — פרויען גרונדערינס. די סטאַרט-אָפּס זענען פאראויס געגעגאנגען צו אויפטרייבן איבער 1 ביליאן דאלאר אין אינוועסטירונגען. קרוב צו זעכציג פראצענט פון די פירמעס האבן אויפגעהאלטן א באדייטפולע אנוועזנהייט אין די 'קעניגן שטאט', שאפנדיג איבער 1,000 לאקאלע דזשאבס. 43North'ס ליסטע פון פירמעס אין וועלכע זיי האבן אינוועסטירט רעכנט אריין די טעכנאלאגישע 'יוניקארן' פירמע, ACV Auctions, וואס האט געברענגט 43North צו א נייע הייעך ווען עס איז געווארן די ערשטע פירמע אין וועלכע זי האט אינוועסטירט צו פארקויפן סטאקס פאר די פובליק, נאך עס איז ארויסגעקומען מיט אן IPO אום מערץ 24, 2021.

אפליקאנטן האבן ביז פרייטאג, יוני 23 מיטאג צו אריינגעבן זייערע אפליקאציעס דורך [43North.org](#). די פראצעדור פון די אויסוואהל פון די געווינער וועט בלייבן ענליך צו פארגאנגענע יארן מיט די פאלגנדע סדר:

- אן ערשטע רונדע פון איבערקוקן די געשריבענע אפליקאציעס
- א רונדע פון לעבעדיגע ווידעאו פארשטעלונגען
- געווינער ווערן אנאנסירט דורכאויס א לעבעדיגע צוזאמקום ביי Shea's Performing Arts Center וואו די ביזנעסער ווען נאכאמאל פארגעשטעלט ווערן אום דאנערשטאג, אקטאבער 12, 2023

מיטוואך, מאי 31, שטעלט זיך 43North צוזאמען מיט פאריגע געווינער פון דעם פראגראם און מיט זייערע גרינדער צו אפהאלטן א וועבינאר אונטערן קעפל "43North Why to Apply" (פארוואס צו אפּלייען), וואו ביזנעסלייט קענען לערנען מער איבער די פארמעסט און 'עקסעלערעיטאר' פראגראם. מער איינצלהייטן איבער די וועבינאר, פראגראם און אפליקאציע פאר 43North'ס 2023 סטאַרט-אָפּ פארמעסט זענען פארעפנטליכט [דא](#).

**איבער 43North**

43North איז אן 'עקסעלערעיטאר' פראגראם וואס אינוועסטירט 5 מיליאן דאלאר יעדע יאר צו צוציהען און האלטן פירמעס וואס זעהען גרויסע וואוקס אין באפעלאו, ניו יארק. 43North׳ס פארטפעל קאמפאניס באקומען אויך בחינם׳דיגע אינקובאטאר פלאץ אין באפעלאו אויף איין יאר, אנווייז פון מענטארן אין פארבינדענע געביטן, און צוטריט צו אנדערע ביזנעס אינצענטיוו פראגראמען ווי צ.ב.ש. ׳סטאַרט-אָפּ ניו יארק׳. 43North האלט זיך אויף דורך שטיצע פון ניו יארק סטעיט, עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט, די Ralph C. Wilson, Jr. Foundation און עטליכע אנדערע ספאנסארס. מער אינפארמאציע איבער 43North איז פארעפנטליכט [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן](#)